**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/3/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**מער זיכערע גאסן: גאווערנער HOCHUL מעלדט 20.7 מיליאן דאלער פאר קאמיוניטי אוטריטש פראגראמען צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און ראטעווען לעבנ'ס אין 14 קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט**

***SNUG גאס אוטריטש גרענטס ווערן באלוינט צו קאמיוניטי-באזירטע ארגעניזאציעס און טראומא צענטערן מיט מענטשן וואס זענען געטרויבארע שלוחים און ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען אין-ריזיקע***

***שיסערייען אינצידענטן מיט שעדיגונג האבן דערגרייכט א נידעריגע שטאפל ווי סיי ווען אין קאמיוניטיס וואס נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס גאן פאבינדענע געוואלדטאטן עלימינירונג איניציאטיוו***

***די גאווערנער'ס פיסקאלע יאר 2026 בודזשעט געבט ווייטער פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר פארברעך פארמיידונג איניציאטיוון אין קאמיוניטיס וואס באריכטן אומגעפער 90 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס מיט וואפן, 85 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן 20.7 מיליאן דאלער צו שטיצן SNUG גאס אוטריטש פראגראמען וואס ארבעטן צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און ראטעווען לעבנ'ס אין 14 קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. די גרענטס צו קאמיוניטי-באזירטע ארגעניזאציעס און שפיטעלער שטיצן אוטריטש ארבעטער, שפיטאל ריספארנדער, סאושעל ארבעטער און קעיס מענעדזשערס וואס זענען געטרויבארע שלוחים און ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען אין ריזיקע פון גאן געוואלדטאטן, דורך זיי פארבינדן מיט הילף און סערוויסעס צו טוישן אויפפירונג און פארמערן געלעגנהייטן. לעצטע וואך, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאלדן אז [שיסערייען אינצידענטן מיט שעדיגונג וואס ווערן באריכטעט אין קאמיוניטיס וואס נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס גאן פארבינדענע געוואלדטאטן איניציאטיוו העט דערגרייכט א רעקארד נידריגע שטאפלן אין 2024](#) מיט 588 אינצידענטן באריכטעט אין פארגלייך צו 817 אין 2023, א רעדוצירונג פון 28 פראצענט. די גאווערנער'ס פיסקאלע יאר 2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט געבט ווייטער פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר SNUG, גאן פארבינדענע געוואלדטאטן (Gun Involved Violence) און אנדערע איניציאטיוון אין קאמיוניטיס וואס באריכטן אומגעפער 90 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס מיט וואפן, 85 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

"פובליק זיכערהייט איז מיין נומער איינס פריאריטעט - צוליב דעם טוט מיין בודזשעט אינוועסטירן אין אויפגעווייזענע איניציאטיוון אזוי ווי די SNUG פראגראם צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן, ראטעווען לעבנס און האלטן ניו יארקער פארזיכערט". **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אוטריטש טיעמס ארבעטן לענגאויס די סטעיט צוזאמען מיט געזעץ אינפארסירונג און לאקאלע פארטנערס צו צילן גאן געוואלדטאטן ווי אימער עס פאסירט, און צו ארבעטן מיט ביזנעס אייגנטומער אין א פולשטענדיגע צוגאנג וואס מאכט אונזער קאמיוניטיס מער פארזיכערט פאר יעדער איינע."

ניו יארק סטעיט’ס SNUG פראגראם נוצט א פובליק געזונטהייט צוגאנג צו אדרעסירן גאן געוואלדטאטן דורך טרעפן די מקור, אפשטעלן די פארשפרייטונג און באהאנדלען מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס וועלכע ווערן באטראפן דורך די געוואלדטאטן. אנגעפירט דורך די סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services), זענען SNUG, גאן פארבינדענע געוואלדטאטן (GIVE) איניציאטיוו, די סטעיט’ס נאציאנאלע אנערקענטע פארברעך אנאליז צענטערן נעטווארק און פראיעקט RISE (ריאגירן, אינוועסטירן, אויפהאלטן, פארשטערקערן (Respond, Invest, Sustain, Empower)) הויפט באשטאנדטיילן פון גאווערנער Hochul’s (האקול’ס) פולשטענדיגע פלאן צו אדרעסירן די אורזאכן און רעזולטאטן פון גאן געוואלדטאטן און אנדערע פארברעכנס.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראסאדא) האט געזאגט,** ”אונזער SNUG גאס אוטריטש טיעמס זענען א קריטישע באשטאנדטייל פון גאווערנער Hochul’s (האקול’ס) פולשטענדיגע פארברעך רעדוצירונג און פובליק זיכערהייט פלאן. די איבערגעגעבענע מענטשן ארבעטן אין קאמיוניטיס וואס ווערן מער באטראפן פון גאן געוואלדטאטן. זיי לעזן און שטעלן אפ קריגערייען און שטעלן צו צוטריט צו פראגראמען און הילף, אריינגערעכנט קאונסעלינג און קעיס מענעדזשמענט, אז יונגנווארג און פאמיליעס קענען בליען, און קאמיוניטיס קענען זיך ערהוילן. מיר דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע פון די ארבעט און פאר איר פירערשאפט אויף פאבליק זיכערהייט."

די 20.7 מיליאן דאלער וועט שטיצן שטאב, פראגראמען, סערוויסעס, געצייג און טעכנעלאגיע פאר די SNUG לאקאציעס דורכאויס די 2025 קאלענדער יאר. קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און שפיטעלער באקומען די געלטער, וואס שטיצט 181 פול-טיים און 39 פארט-טיים איינגעשטעלטע וואס ארבעטן און ספעציפישע געגנטער אין אלבעני, די בראנקס, באפעלא, העמפסטעד, מאונט ווערנאן, ניובורג, ניאגרא פאלס, פוקיפסי, סיראקיוז, ראטשעסטער, טרוי, יוטיקא, וויאנדאנטש און יאנקערס. DCJS פאלגט נאך שיסעריי דעטא אין די "SNUG זאנעס" און לעצטע יאר, האבן די זאנעס צוזאמען באריכטעט באדייטענדע, צוויי-ציפער פארמינערונגען אין שיסעריי קרבנות, מענטשן געהרגעט דורך גאן געוואלדטאטן און שיסעריי אינצידענטן מיט שאדן ווען פארגלייכט צו 2023.

SNUG אוטריטש ארבעטער, סאושעל ארבעטער, קעיס מענעדזשערס און שפיטאל רעספענדערס ארבעטן אין געגנטער וואס ווערן מער באטראפן דורך גאן געוואלדטאטן, און די פראגראם טוט אויך צושטעלן סאושעל ארבעטער און שפיטאל ריספאנדערס ביי שטאפל איינס טראומא צענטערן אין אלבעני, באפעלא, די בראונקס, ראטשעסטער און סיראקיוז. די פראפעסיאנאלן ארבעטן מיט מענטשן און פאמיליעס נאך א ווילדע אינצידענט צו פארשלאגן הילף, סערוויסעס און זיי פארבינדן מיט די SNUG פראגראם אין זייער קאמיוניטיס פאר נאך הילף.

SNUG שטאב זענען געטרויבארע שלוחים וואס וואוינען אין די קאמיוניטיס וואו זיי ארבעטן, און טייל זענען געווען אין די קרימענאלע גערעכטיגקייט סיסטעם אדער פארלוירן באליבטע דורך געוואלדטאטן. זיי ארבעטן מיט צענערלינגען און מיט יונגע ערוואקסענע צו אויפכאפן און לייזן מחלוקות'ן בעפאר זיי ווערן צו אנגעהייצט; רופן זיך אפ צו שיסערייען צו פארמיידן נקמה אקציעס דורך פארמיטלען און ארויסהעלפן פאמיליע מיטגלידער פון די וועלכע זענען פארוואונדעט אדער געהרג'עט געווארן; און גיבן הדרכה פאר יונגוואוג וועלכע זענען פארמישט מיט דעם פראגראם צו אוועקשטעלן ציהלן און זיי פארבינדן מיט בילדונג (עדזשוקעישען) און דזשאב געלעגנהייטן, ווי אויך אנדערע סערוויסעס. די פראגראמען ארבעטן אויך מיט די קאמיוניטי, רעליגיעזע ארגאניזאציעס, גייסטליכע פירער און מיט ארטיגע ביזנעסער דורכן ספאנסארן אנטי-געוואלדטאטן מארשירונגען, דזשאב ירידים, בלאק פארטיס, ספארטס געשעענישן און אנדערע קאמיוניטי צוזאמקומען.

פאלגענד זענען די ארגעניזאציעס און שפּיטעלער וואס וועלן באקומען געלטער און הילף פון DCJS צו אנפירן SNUG:

**ניו יארק סיטי און לאנג איילענד**

- בראונקס - דזשאקאובי מעדיקעל צענטער: $2,702,617
- העמפסטעד - פאמיליע און קינדער'ס אסאסיעישאן: $1,164,397
- ווייענדאנטש - עקענאמישע גלעגנהייט קאונסיל פון סופאלק: $746,522

**האדסאן וואלי**

- מאונט ווערנאן - פאמיליע סערוויסעס פון וועסטשעסטער: $1,088,391
- ניובורג - ראיאנישע עקאנאמישע קאמיוניטי עקשאן פלאן: $896,799
- פאוקיפסי - פאמיליע סערוויסעס אינק.: $1,076,245
- יאנקערס - יאנקערס YMCA: $1,010,259

**הויפטשטאט ראיאן**

- אלבעני - טרינטי עלייענס פון די קאפיטאל ראיאן: $1,820,329 און אלבעני מעדיקעל צענטער: $262,310
- טרוי - טרינטי עלייענס פון די קאפיטאל ראיאן: $860,134

**צענטראל ניו יארק**

- סירעקיוז - סירעקיוז מאדעל געגנט איינריכטונג: $1,820,189 און SUNY אפסטעיט מעדיקעל צענטער: $464,374

**מאוהאק וואלי**

- יוטיקע - אינטערגרעיטעד קאמיוניטי אלטערניטיוון נעטווארק: $792,673

**פינגער לעיקס**

- ראטשעסטער - PathStone Corp.: $1,949,426 און ראטשעסטער אלגעמיינע שפיטאל: $571,002

**מערב ניו יארק**

- באפעלא - עיריע קאונטי מעדיקעל צענטער: $2,800,915
- ניאגרא פאלס - קאמיוניטי מיסיעס פון ניגארא פראנטיער: $ 677,170

ברייטע טרענירונג, באזוכן אויפן שטח און שטיצע פון די DCJS מאכן די SNUG פראגראמען אייגנארטיג און אנדערש פון אנדערע קאמיוניטי-באזירטע פארברעכן אפשטעלונג פראגראמען איבערן סטעיט און לאנד. נייע שטאב מיטגלידער מוזן דורכגיין 40 שעה טרענירונג, און נייע סופערוויזערס דארפן פארענדיגן 32 שעה'ן פון פארוואלטונג טרענירונג. אלע שטאב מיטגלידער מוזן אויך פארענדיגן 40 שעה טרענירונג פאר פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג יערליך. די אנגייענדע טרענירונג און שטיצע העלפן זיכער מאכן אז דער פראגראם אפערירט אויף אן אייניגע אופן אין אלע SNUG לאקאציעס טראץ דעם וואס זיי ווערן אויפגעהאלטן דורך אנדערע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און שפיטעלער.

**סטעיט סענעט מערהייט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדריע סטאווערט-קוזינס) האט געזאגט,** "אלץ א סטעיט סענעטאר, בין איך געווען שטאלץ צו אדוואקעיט'ן פאר די ערשטע SNUG אינוועסטירונג אין יאנקערס און ניו יארק סטעיט ווייל איך האב געוויסט אז ריכטיגע קאמיוניטי-געטריבענע

לעזונגען זענען געווען די שליסל צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און האלטן אונזער געגנטער פארזיכערט. מיר האבן געזען ערשטהאנטיג וויאזוי SNUG האט געטויש לעבנס-אפשטעלנדיג רונדעס פון געוואלדטאטן, צושטעלנדיג קריטישע הילף און העלפנדיג יונגע מענטשן טרעפן א בעסערע וועג. איך בין זייער שטאלץ אז יאנקערס באקומט מער ווי 1 מיליאן דאלער אין נייע געלטער צו שטיצן די לעבנסראטעוועדע פראגראם. אלס מערהייט פירער, בלייב איך פארפליכטעט צו ווייטער גיין מיט קלוגע, ווירקענדע אינוועסטירונגען אזוי SNUG לענגאויס וועסטשעסטער און ניו יארק. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול), מיין וועסטשעסטער דעליגאציע און מערהייט סענאטארן, וויאזוי אויך אונזער פארטנער אין די אסעמבלי פאר זייער אנגייענדע פירערשאפט און מיטארבעט אין די קאמף קעגן גאן געוואלדטאטן. איך קוק פאראויס צו ווייטער בויען אויף די פארשריט צוזאמען צו האלטן אונזער קאמיוניטיס פארזיכערט."

**סטעיט סענאטאר Jamaal Bailey (דזשאמאאל בעילי) האט געזאגט,** "אינוועסטירן 20.7 מיליאן דאלער אין SNUG צו פארבעסערן באמיאונגען אזוי פארמיידן גאן געוואלדטאטן, העלפן מענטשן אין-ריזיקע און פארשטערקערן קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט אין זייער וויכטיג. SNUG איז געווען א וויכטיגע פארטנער אין פארמיידן גאן געוואלדטאטן און איז א ארגעניזאציע וואס האט באדייטנד געווירקט אויף מיין דיסטריקט, און וועט ווייטער טוען אזוי וויבאלד מאונט ווערנאן - פאמיליע סערוויסעס פון וועסטשעסטער באקומט $1,088,391. דורך שטיצן אוטריטש ארבעטער, סאושעל ארבעטער און שפיטאל ריספאנדערס, קענען צוקונפטדיגע קריגערייען זיך בארואיגען און שאפן מער פארזיכערטע געגנטער און א מער לעכטיגע צוקונפט פאר אונז אלע. א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר אייער פירערשאפט און פריאוטאריזירן די זיכערהייט פון אונזער קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטור Nathalia Fernandez (נאטאלי פערנענדעז) האט געזאגט,** "די געלטער פאר SNUG, איז מער ווי בלויז אינטערוועניץ-עס איז וועגן טוישן די אומשטענדן וואס פירן צו געוואלדטאטן אינעם ערשטן פלאץ. דזשאקאובי שפיטאל'ס אויפשטיין קעגן געוואלדטאטן ( Standing Up to Violence) פראגראם האט געטוען פונקט דאס אין אירע יארן פון סערוויס. דורך שטיצן געטרויבארע שלוחים, אוטריטש ארבעטער און טראומא ריספאנדערס, מאכן מיר זיכער אז עס זענען דא די ריכטיגע מענטשן צו לעזן קריגערייען, פארבינדן מענטשן וואס זענען אין-ריזיקע מיט געלעגנהייטן און פארמיידן די קומעדיגע טראגעדיע איידער עס פאסירט. איך באגריס גאווערנער Hochul (האקול) פאר אינוועסטירן אין ריכטיגע לעזונגען, ווייל עס קומט זיך פאר יעדער געגנט, יעדער פאמיליע, יעדער קינד אין די בראונקס צו אויפוואקסן פארזיכערט פון גאן געוואלדטאטן."

**סטעיט סענעטאר Samra G. Brouk (סאמרא ג. בראוק) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער מיטגליד פון אונזער קאמיוניטי זיך צו שפירן פארזיכערט, ווי אימער זיי זענען. מער ווי 20 מיליאן דאלער אין שטיצע צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן לענגאויס ניו יארק סטעיט וועט זיך בויען אויף די געוואלדיגע ווירקונג וואס פראגראמען אזוי GIVE האט שוין געהאט אויף קאמיוניטיס אזוי ראטשעסטער. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר אדרעסירן די שורש פון געוואלדטאטן און פאר שטיצן לעזונגען וואס ארבעטן צו באשיצן אונזער ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר Sean Ryan (סיען רייען) האט געזאגט,** "מוטיגן פובליק זיכערהייט אין באפעלא און לענגאויס אונזער סטעיט איז א הויפט פריאריטעט. עס איז די סיבה פארוואס מיר האבן אריבערגעפירט די שטייפסטע גאן זיכערהייט געזעצן אין די לאנד און טוען ווייטער שטיצן איניציאטיוון וואס רעדוצירן פארברעך און פארשטערקערן קאמיוניטיס. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul's (האקול'ס) שטיצע פאר די אוטריטש פראגראמען, וועלכע האבן אויפגעוויזן צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן."

**סטעיט סענאטאר Monica Martinez (מאניקא מארטינעז) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן טוט צונעמען די לעבנס פון ניו יארקער און ברענגט אריין א ציטער אינערהאלב אונזער קאמיוניטיס. די SNUG

גאס אוטריטש פראגראם א זעצייג וואס האט זיך אויפגעוויזן צו אפהאלטן די שרעקליכע טראגעדיעס דורך ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען אין-ריזיקע און זיי צושטעלן מיט די הילף געברויכט צו אויסוועלן א אנדערע וועג. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול), פאר אריינשטעלן אונזער מיטגעטיילטע פארפליכטונג צו אפשטעלן גאן געוואלדטאטן אין ניו יארק סטעיט אין די יעריגע עקזעקיוטיוו בודזשעט."

**סטעיט סענאטאר Patricia Fahy (פאטרישע פאהי) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין באווייז-באזירטע פראגראמען און אויף-די-גרונט ריסורסן איז פונקטליך וויאזוי מיר באקעמפן די פלאגעניש פון גאן געוואלדטאטן. מיטארבעטן מיט געזעץ אינפארסירונג, קאמיוניטי-באזירטע אפשטעלונגען אין רונדעס פון געוואלדטאטן אזיוווי די טרינטי עלייענס פון די קאפיטאל ראיאן און פארגרעסערן די סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן די איניציאטיוון איז די סיבה פארוואס מיר זעהן אז גאן געוואלדטאטן ראטעס פאלן אין קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און מיין לעגיסלאטיווע קאלעגעס פאר ווייטער ארבעטן צו פארזיכערן אז ניו יארקער איבעראל שפירן זיך פארזיכערט אויף די גענסער, און צו אפשטעלן די עפידעמיע פון גאן געוואלדטאטן דא אין ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענעטאר Siela Bynoe (סילע ביינאו) האט געזאגט,** "די עפידעמיע פון גאן געוואלדטאטן וואס האט געקאסט די לעבנס פון צופיל מענטשן לענגאויס לאנג איילענד און די לאנד, מוז זיך אויפהערן. אדרעסירן די שורש פון די אורזאכן פון גאן געוואלדטאטן דורך פראגראמען וואס שלאגן פאר אוטריטש ווי עס איז די וויכטיגסטע, איז סיי נויטיג און ווירקבאר. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul's (האקול'ס) שטיצע פון קאמיוניטי-באזירטע לעזונגען אין די דיסטריקט."

**סטעיט סענאטאר Joseph Griffo (דזשאסעף גריפאו) האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער זוכן פאר וועגן צו אדרעסירן און רעדוצירן גאן געוואלדטאטן אין די סטעיט. די געלטער וועט פארשטערקערן די SNUG פראגראם אין יוטיקע דורך שטיצן א אויסוואל פון וויכטיגע סערוויסעס און ריסורסן וואס וועלן פארבעסערן פובליק זיכערהייט אין די סיטי און ראיאן."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער Crystal Peoples-Stokes (קריסטעל פיפלס-סטאוקס) האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז אוטריטש ארבעט. ווען מענטשן אין די קאמיוניטי שטיצן באמיאונגען צו באקעמפן גאן געוואלדטאטן, ווערן לעבנס געראטעוועט. איך שטיץ די GIVE איניציאטיוו און אנדערע אנטי-געוואלדטאטן איניציאטיוון וויאזוי אויך די ארבעט וואס SNUG טוט ווייטער אין אונזער קאמיוניטיס. די ריספאנס טיעמס ביי עריע קאונטי מעדיקעל צענטער טוען ווייטער זיין די וויכטיגסטע."

**אסעמבלימעמבער J. Gary Pretlow (דזשעי גערי פרעטלאו) האט געזאגט,** "אזויווי מיר טוען ווייטער באקעמפן גאן געוואלדטאטן אין אונזער קאמיוניטיס, איז אינוועסטירן אין פראגראמען אזיוווי SNUG נישט בלויז נויטיג-עס טוט ראטעווען לעבנס. די געלטער פון גאווערנער Hochul (האקול) פארזיכערט אז מיר קענען צושטעלן ריסורסן, מענטארשיפ און אינטערווענשאן צו די וואס זענען די מערסטע אין ריזיקע, שאפנדיג מער פארזיכערטע געגנטער פאר יעדער איינער. איך בין שטאלץ צו שטיצן SNUG און די איבערגעגעבענע מענטשן וואס ארבעטן אן אויפהער צו צוברעכן די רונדע פון געוואלדטאטן אין מאונט ווערנאן און ווייטער."

**אסעמבלימעמבער William B. Magnarelli (וויליאם ב. מאגמערעללי) האט געזאגט,** "רעדוצירן גאן געוואלדטאטן איז א פריאוריטעט אין באשיצן אונזער קאמיוניטיס. דורך ארבעטן מיט ארגעניזאציעס אין די קאמיוניטי, קענען מיר צוזאמען פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען און פארמיידונג מעטאדן צו נידערן גאן געוואלדטאטן."

אסעמבלימעמבער דזשאן ט. מעקדאנאלד די דריטע האט געזאגט, "אלץ איינע פון די אריגענאלע שטיצער פון SNUG וואס האט זיך אנגעפאנגען דא אין קאפיטאל ראיאן, האב איך געארבעט נאנט מיט

טרינטי עלייענס און די וואס זענען א טייל פון SNUG און איך האב געזען די פאזעטיווע ווירקונג פון די פראגראם. דאס איז פארוואס איך בין דאנקבאר צו די גאווארנער'ס שטיצע צו ווייטער וואקסן דעם פראגראם, ארייינרעכענעדיג אינעם סיטי אוו טרוי וואו די פראגראם האט זיך אנגעפאנגען און איז אנגענומען דורך די פאבליק זיכערהייט שטאב. די דאטא בארעכטיגט די קריטישע געברויך און ווירקונג פונעם פראגראם וואס מאכט אונזערע קאמיוניטיס מער פארזיכערט."

**אסעמבלימעמבער Pamela J. Hunter said (פאמעלא דשעי. הונטער) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו פארמינערן שיסעריי געוואלדטאטן אין אונזערע קאמיוניטיס. די 20.7 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין SNUG-גאס אוטריטש (SNUG Street Outreach) פראגראמען, ארייינגערעכנט קריטישע געלטער פאר סיראקוס מאדעל געגנט איינריכטונג (Syracuse Model Neighborhood Facility) און SUNY אפסטעיט מעדיקעל צענטער (SUNY Upstate Medical Center) וועט האבן א דירעקטע און פאזיטיווע ווירקונג אויף די לעבנס פון מענטשן אינעם 128סטע אסעמבלי דיסטריקט. דורך שטיצן אוטריטש ארבעטער, שפיטאל רעאגירער און קעיס מענעדשערס, שטעלט די איניציאטיוו צו לעבנס-טוישנדע מיטלען צו די וואס זענען די מערסטע אין ריזיקע, העלפנדיג ברעכן סייקלס פון געוואלדטאטן און שאפן מער זיכערע געגנטער. איך קוק ארויס צו זען די אנגייענדע פארשריט פון די עדות-באזירטע באמיאונגען צו באשיצן און דערהייבן אונזערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלימעמבער Jonathan Jacobson (יאנאטאן יאקאבסאן) האט געזאגט,** "לײדער, פלאגט גאן געוואלדטאטן די סיטיס פון ניובורג און פאוגקיפסי ווי עס טוט אין צופיל געגנטער פונעם סטעיט און דעם לאנד. גאן געוואלדטאטן מוז אדרעסירט ווערן אין דריי וועגן: ענדיגן גאן טראפיקינג פון אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט; אינפארסירן אונזערע גאן געזעצן ארייננגערעכנט די פולע צופאסונג פון אונזער רויטע פענער געזעצן; און זיך פארבינדן מיט די קאמיוניטי דורך קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו אנטמוטיגן און אויפהערן גאן געוואלדטאטן פאר עס פאנגט זיך אן. איך וויל אפלאדירן גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אויפהערן גאן געוואלדטאטן נוצנדיג אלע דריי וועגן און פאר די אינוועסטירונג אין די יאר'ס בודשעט אין אנטי-גאן געוואלדטאטן איניציאטיוון מיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציע."

**אסעמבלימעמבער Marianne Buttenschon (מאריאנע בוטענשאן) האט געזאגט,** "מיר זען לײדער ווייטער אונזערע יוגנטליכע באווירקט ווערן דורך גאן געוואלדטאטן און די פראגראם ארבעט צו פארמינערן די געוואלדטאטן. איך בין דאנקבאר פארן גאווארנער פארן צושטעלן נאך געלטער צו SNUG פראגראמען."

**אסעמבלימעמבער Demond Meeks (דעמאנד מיקס) האט געזאגט,** "קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען אזויווי SNUG און GIVE מאכן א א שטארקע טויש אינעם קאמף אנטקעגן גאן געוואלדטאטן. דורך זיך קאנצענטרירן אויף מעדיטעשן, מענטארשאפט און שטיצע, העלפן זיי טוישן אויפפירונגען און אדרעסירן די שורש אורזאכן די פון קאמפליצירטע פראבלעם. די דאטא איז קלאר: די פראגראמען פארשטערקערן אונזערע געגנטער און ראטעוועט לעבנס. איך לויב אויס גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין די וויכטיגע מיטלען וואס שטיצן דירעקט קאמיוניטיס וואס זענען אומגלייכערהייט באטראפן דורך פארברעכן."

**אסעמבלימעמבער Jen Lunsford (דשען לונספארד) האט געזאגט,** "טאפנדע אינוועסטירונגען אין גראסרוטס ארגאניזאציעס ארבעטן אפצושטעלן גאן געוואלדטאטן אין אונזער קאמיוניטי און האט געברענגט רעזולטאטן איבערן פארגאנגענעם יאר. מיר קענען זען ווי פארברעכן גייט אראפ אין כמעט יעדע גאן-פארבינדענע קאטעגאריע א דאנק די סארט געצילטע דעליווערי פון מיטלען. די מעלדונג פונעם גאווארנער פון גרויסע געלטער פאר גאן געוואלדטאטן פארמיידונג וועט אונז העלפן פארמינערן געוואלדטאטן און ברענגען פרידן און סטאבילקייט צו אונזערע געגנטער."

**אסעמבלימעמבער John Zaccaro, Jr. (דשאן זאקארא, דשוניאר) האט געזאגט,** "פאר צו פיל פאמיליעס אין די בראנקס און לענגאויס אונזערע קאמיוניטיס אין ניו יארק האבן געפילט די שווידערליכע ווירקונגען פון גאן געוואלדטאטן. די SNUG פראגראם וועט פארשטערקערן אינטערווענירונג באמיאונגען און פארבינדן אין-ריזיקע מענטשן מיט קריטישע רעסאורסעס. דורך אדרעסירן די שורש אורזאכן פון געוואלדטאטן און צושטעלן באדייטפולע אינטערווענירונג, נישט נאר פארמיידן מיר טראגעדיעס נאר מיר שאפן אויך וועגן צו ליכטיגערע צוקונפט פאר מענטשן און פאמיליעס. איך דאנק גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין געפרואווטע געוואלדטאטן פארמייידונג פראגראמען וואס מאכן א זעבארע טויש אין די לעבנס פן ניו יארקער."

**אסעמבלימעמבער Kwani B. O'Pharrow (קוואני ב. א'פאראוו) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין קאמיוניטי אוטריטש און שטיצע פראגראמען אזוויי SNUG איז קריטיש צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און שטיצן מער זיכערע אומגעבונגען. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול), פאר דיין איבערגעגעבנקייט צו טוישן לעבנס און שאפן אנהאלטנדע טויש אין אונזערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלימעמבער Gabriella Romero (גאבריעלא ראמערא) האט געזאגט,** "מיט א פארטנער אזוויי גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) וואס אינוועסטירט אין אונזערע קאמיוניטיס וואס נויטיגן זיך דאס מערסטע דערין, מאכן מיר שטארקע פארשריט אין רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און ראטעווען לעבנס. איך וויל דאנקען די גאווארנער פארן איר אנגייענדע איבערגעגענקייט צו עדות-באזירטע, קאמיוניטי- געפירטע לעזונגען אזוויי SNUG. די 20.7 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג-אריינרעכענענדיג איבער 2 מיליאן דאלאר פאר אלבאני'ס טריניטי אליאנץ און אלבאני מעדיקאל צענטער-וועט פאריזכערן אז אוטריטש ארבעטער, שפיטאל רעאגירער און סאציאלע סערוויס פראפעסיאנעלן קענען ווייטער אנגיין מיט זייער קריטישע ארבעט צו פראאקטיוו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן. די איניציאטיוון מאכן א חילוק, און איך בלייב איבערגעגעבן צו פארזיכערן די רעסאורסעס וואס אלבאני דארף צו האלטן אונזערע געגנטער פארזיכערט."

**אסעמבלימעמבער Noah Burroughs (נועה בוראגס) האט געזאגט,** "SNUG האט געטון אויסגעצייכנטע ארבעט אין די קאמיוניטי אין מיין דיסטריקט. גאן-פארבינדענע פארברעכן זענען אראפ און איך וואלט געוואלט זען די נומערן נאך מער אראפגיין. דאס איז אן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט פאר די 14 קאמיוניטיס אין ניו יארק סטעיט אז SNUG סערוויסעס טוען ווייטער גוטע ארבעט דורכאויס אלע אירע קאמיוניטיס. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול) פאר די אינוועסטירונג אין העמפסטעד."

**אסעמבלימעמבער Harry Bronson (הערי בראנסאן) האט געזאגט,** "SNUG סטריט אוטריטש ווירקט שטארק ווייל עס געבט קראפט פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו נוצן זייערע עקזיסטירנדע פארבינדונגען און פארטנערשאפטן צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן אין די געגנטער וואו זיי סערווירן. זינט איינפירן SNUG, האט ראטשעסטער געזען א באדייטנדע און אנגעצייכנטע נידערונג אין געוואלדטאטן, אויף אלע שטאפלען. אבער מיר האבן נאך ארבעט צו טוהן. די געלטער וואס די גאווארנער געבט פאר Rochester General Hospital און Pathstone וועט זיי ערמעגליכן צו ברענגען די שטאב, פראגראמירונג און סערוויסע וואס זיי דארפן צו פארברייטערן די סוקסעספולע פאבליק זיכערהייט איניציאטיוו."

**עריק קאונטי עקזעקיוטיוו Mark C. Poloncarz (מארק ס. פאלאנקארז) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין SNUG פראגראמען העלפט בויען מער פארזיכערטע קאמיוניטיס און רעדוצירט גאן געוואלדטאטן. די גרענט אווארד וועט העלפן צושטעלן אנגייענדע טרענירונג און שטיצע וואס איז קריטיש צו SNUG און איך דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר פארטנערשאפט צו העלפן האלטן אונזערע איינוואוינער פארזיכערט."

**אלבאני מעיאר Kathy Sheehan (קעטי שיהאן) האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען און אפלאדירן גאווארנער Kathy Hohcul (קעטי האקול) און DCJS פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונגען פאר SNUG & GIVE איניציאטיוון. איך האב עס שוין אסאך מאל געזאגט, אז די גאווארנער איז נישט נאר רעדן, נאר נעמט שריט. די אינוועסטירונגען אין די פראגראמען ערלויבן סיטיס אזויווי אלבאני צו מאכן קלוגע סטראטעגישע אויסוואלן צו באקומען די רעסאורסעס גרייט, אוועקשטעלן פארבינדונגען מיט אונזערע שכנים און ערלויבן אלטערנאטיווע צוגענג זיך צו קאנצענטרירן אויף פאבליק זיכערהייט. די וואך אליין אין מיין סטעיט אוו די סיטי האבן מיר באצייכנט א רעדוצירונג פון פארברעכן פון 3% אין פארגלייך צו די 5-יאר דורכשניט און א רעדוצירונג פון 21% פון ווען איך בין אריין אין אפיס. די היינטיגע מעלדונג פון נאך 2 מיליאן דאלאר אנצוהאלטן די פראגראמען איז עפעס וואס ווערט געפייערט דורך יעדע איינוואוינער אין די סיטי אוו אלבאני. א דאנק גאווערנער!"

**בופאלא מעיאר Chris Scanlon (קריס סקאנלאן) האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע אינוועסטירונגען אין געוואלדטאטן פארמיידונג באמיאונגען דא אין בופאלא. די 2.8 מיליאן דאלאר געגעבן צו Erie County Medical Center פאר די SNUG סטריט אוטריטש פראגראם וועט צושטעלן קריטישע רעסאורסעס צו קאמיוניטי ארגאניזאציעס און טראומא רעאגירער וואס ארבעטן איבערמידליך צו פארמיידן גאן געוואלדטאטן און ראטעווען לעבנס. אין לעצטע יארן, האבן מיר געזען ערשטהאנטיג וויאזוי די איניציאטיוון מאכן אן אמת'ע חילוק אין אונזערע געגנטער און די געלטער וועט אונז ערמעגליכן צו ווייטער פירן די פארשריט-פארבינדנדיג אין-ריזיקע מענטשן מיט די שטיצע וואס זיי דארפן און פארזיכערן א זיכערערע, געזונטערע און שטערקער בופאלא פאר אלעמען."

**סיראקוס מעיאר Ben Walsh (בען וואלש) האט געזאגט,** "מיט ניו יארק סטעיט'ס שטארקע שטיצע, צוזאמענארבעט מיט קאמיוניטי פארטנערס און עפעקטיווע אינטערוועניערונג דורך סיראקוס פאליציי, איז גאן געוואלדטאטן שטארק אראפ אין די סיטי אוו סיראקוס. אין 2024, איז גאן געוואלדטאטן אראפ מער ווי 26% לענגאויס אלע גרויסע קאטעגאריעס און די מערסט ערנסטע פארברעכן -שיסעריי קרבנות געשעדיגט אדער געשטארבן איז געפאלן מיט 39%. די פינאנצירונג פאר אוטריטש פראגראמען ווייזט אז גאווארנער Hochul (האקול) ווייסט אז רעדוצירן גאן געוואלדטאטן פארלאנגט די גאנצע קאמיוניטי זאל ארבעטן צוזאמען וואס איז די פאקוס פון אונזער מעיאר'ס אפיס צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן. איך בין שטארק דאנקבאר פארן גאווארנער'ס הילף און פאר די זארגנדע און עפעקטיווע ארבעט וואס די SNUG סטריט אוטריטש שטאב טוט יעדן טאג אין סיראקוס."

**ראטשעסטער מעיאר Malik D. Evans (מאליק ד. עוואנס) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul'o (האקול'ס) פירערשאפט און אנגייענדע אינוועסטירונגען אין פראגראמען אזויווי GIVE און פראיעקט RISE האבן געשפילט א שטארקע ראלע אין אונז העלפן רעדוצירן גאן געוואלדטאטן מיט מער ווי 50 פראצענט פון די שפיץ יארקן פונעם פאנדעמיק. די אינוועסטירונג אין SNUG אוטריטש ארבעטער איז נאך א ביישפיל פון איר איבערגעגעבנקייט און אנטשלאסנקייט אויף די קריטישע פראבלעם און די סיטי אוו ראטשעסטער איז גליקליך מיטן גאווארנער'ס פארטנערשאפט."

**ניאגארא פאלס מעיאר Robert Restaino (ראבערט רעסטיינא) האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די אנגייענדע אינוועסטירונג דורך גאווארנער Hochul (האקול) אין פראגראמען וואס העלפן האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט. מיר ווייסן אז אונזער קאמיוניטי בענעפיטירט פון די פארשידענע איניציאטיוון געברענגט דורך די גאווארנער. די צוגעגעבענע רעסאורסעס וועלן העלפן ווייטער פירן אונזערע באמיאונגען צו האלטן אונזער סיטי פארזיכערט."

**פאוגקיפסי מעיאר Yvonne D. Flowers (יוואן ד. פלאוערס) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul (האקול) טוט ווייטער צושטעלן פארן סיטי און פאוגקיפסי, און מיר זענען דאנקבאר פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אונזער קאמיוניטי. אינוועסטירן אין וויכטיגע אוטריטש פראגראמען אזויווי SNUG פארשטערקערט אונזער סיטי דורך פארברייטערן אונזער מעגליכקייט צו פארבינדן און שטיצן אונזער יוגנט, פירנדיג זיי צו פאזיטיווע געלעגנהייטן. מיטדעם וואס די TRAC פראגראם אפערירט מער נישט, מוטיג איז Family Services Inc. און SNUG צו נוצן די פינאנצירונג צו אנטוויקלען נאך גאן געוואלדטאטן פארמיידונג איניציאטיוון און שאפן זיכערע פלעצער פאר אונזערע קינדער נאך שולע. קאנגראטולאציעס צו SNUG און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט זיי ווען מיר ארבעטן צו פאראייניגן אונזער קאמיוניטי אינעם קאמף אנטקעגן גאן געוואלדטאטן."

**יוטיקא מעיאר Michael Galime (מייקל גאלים) האט געזאגט,** "צו באמת זיין פראאקטיוו מיט די פראבלעמען פון גאן געוואלדטאטן מוזן מיר מאכן זיכער צוזוגיין דערצו פון יעדע ווינקל. גוטע פאליסינג וועט אלעמאל זיין פון פארנט אבער נאך רעסאורסעס אזויווי SNUG זענען וויכטיג צוצושטעלן נאך שטיצע אויפן ערד צו ברענגען וואכזאמקייט און פארמיידונג. אין יוטיקא זענען מיר דאנקבאר פאר די פינאנצירונג און וועלן ווייטער שטיצן SNUG וויאזוי נאר מעגליך."

**ניובורק מעיאר Torrance Harvey (טארענס הארווי) האט געזאגט,** "א גרויסע דאנק גייט צו גאווארנער Hochul (האקול) פארן צוטיילן נאך געלעטער פאר אנטי-געוואלדטאטן איניציאטיוון יאן די סיטי און ניובורג! די פינאנצירונג איז א באדייטנדע שריט צו שטיצן מער זיכערע קאמיוניטיס און רעדוצירן געוואלדטאטן. א דאנק נאכאמאל, גאווארנער Hochul (האקול), פאר דיין איבערגעגעבנקייט צו מאכן ניובורג א מער פארזיכערטע פלאץ!"

**העמפסטעד מעיאר Waylyn Hobbs, Jr. (וויילין האבס) האט געזאגט,** " א דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פארן שטיצן אונזער ווילעדש דורך פראגראמען אזויווי SNUG וואס האבן סוקסעספולע רעזולטאטן אין אונזער קאמיוניטי."

**טרוי מעיאר Carmella Mantello (קארמעלא מאנטעלא) האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע אינוועסטירונג אין SNUG און די קריטישע ארבעט פון געוואלדטאטן פארמיידונג פראגראמען לענגאויס ניו יארק סטעיט. אין טרוי, האבן מיר געזען ערשטהאנטיג די פאזיטיווע ווירקונג פון SNUG אין זיך פארבינדן מיט אונזערע קאמיוניטי, נידערן קאנפליקטן און צושטעלן וויכטיגע שטיצע צו די אין ריזיקע. די פינאנצירונג וועט העלפן פארשטערקערן די באמיאונגען און העלפן מאכן אונזערע געגנטער מער פארזיכערט."

די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע הינזיכטן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכענענדיג, אבער נישט באגרעניצט צו: טרענירן געזעץ איינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנאלן; האלטן אויפזיכט איבער א געזעץ איינפארסירונג קרעדיט פראגראם; פארזיכערן אז Breathalyzer (אפאראט וואס קוקט איבער דאס אטעם) און שנעלקייט אינפארסירונג געצייג גענוצט דורך לאקאלע געזעץ אינפארסירונג ארבעטן ריכטיג; אנפירן קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; איבערקוקן פארברעכן און פראגראם אינפארמאציע דורכאויס די סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; האלטן אויפזיכט איבער קאונטי פראובע דעפארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען; און אויסארבעטן יוגנטליכע יוסטיץ פאליסי. פאלגט נאך DCJS אויף [Facebook](), [Instagram](), [LinkedIn]() און [X (פריער Twitter)]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן